# בשלח

א. אויפן פסוק[1] „ויסע משה את ישראל מים סוף", שטייט אין מדרש[2] — און רש"י ברענגט עס אראָפּ בפירושו עה"ת — „הסיען בעל כרחם" (משה האָט געצוואונגען די אידן אוועקצוגיין פון ים סוף), ווי חז"ל[3] זיינען מבאר, אַז אידן זיינען געווען פאַרנומען מיט „ביזת הים" (וואָס „גדולה היתה . . מביזת מצרים"[4]), און האָבן דערפאַר ניט געוואָלט אוועקגיין פון ים סוף.

איז שווער צו פאַרשטיין: בשעת קריעת ים סוף האָט זיך דאָך דער אויבערשטער באַוויזן צו אידן — „בכבודו נגלה עליהם"[5] (ווי אידן האָבן געזאָגט „זה א-לי"[6] — „מראין אותו באצבע"[5]), ביז אַז „ראתה שפחה על הים מה שלא ראו נביאים"[7]; און דאָס האָט געפּועלט אויף אידן אַז זיי האָבן געזאָגט שירה להקב"ה, דברי שבח והודי' —

ווי אַזוי, נאָך דעם אַלעם, זיינען אידן אַזוי טרוד ומושקע אין „ביזת הים"?! וואָס פאַר אַ באַטרעף האָבן ביי זיי געהאַט כסף וזהב לגבי דער התגלות השכינה פון קרי"ס[8]?

די תמי' איז נאָך שטאַרקער: אידן האָבן דאָך געוואוסט אַז „בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה"[9] — אַז פון ים סוף גייען זיי צו מ"ת; און נאָכמער — זיי האָבן געציילט די טעג ביז מ"ת (מצד זייער השתוקקות צו קבלת התורה)[10] — היינט ווי איז שייך, אַז נאָך דעם אַלעם, האָט ביזת הים תופס מקום געווען ביי זיי — מער ווי (גיין און היילען זיך צו) מתן תורה! היפך — פון דעם ציילן, וועלכער איז געווען אויך ביום לקיחת ביזת הים!

מוז מען זאָגן, אַז דאָס וואָס די אידן האָבן ניט געוואָלט אַפּלאָזן די ביזת הים, איז ניט געווען דערפאַר וואָס כסף וזהב מצ"ע האָט ביי זיי געהאַט אַזאַ חשיבות, נאָר ווייל זיי האָבן גערעכנט אַז דאָס — זייער האָבן ביזת הים — איז דער רצון ה'[11].

[און דאָס איז אויך דער קשר צווישן דעם פירוש אין „בעל כרחם" (אַז דאָס איז געווען מצד דער טרדא אין „ביזת הים") מיטן פירוש[12] אַז אידן האָבן ניט

1) פרשתנו טו, כב.

2) תנחומא (באבער) פרשתנו טז. יל"ש (בשם התנחומא) ומדרש לקח טוב עה"פ. וכ"ה לדיעה א' במכילתא עה"פ, אבל לא מטעם שהיו טרודים בביזת הים (כ"א מטעם אחר, ע"ש).

3) תנחומא ורש"י שם.

4) רש"י שם, ממכילתא בא יב, לו. ועוד.

5) ל' רש"י פרשתנו טו, ב.

6) פרשתנו שם.

7) רש"י שם, ממכילתא עה"פ.

8) להעיר שא' מתנאי נבואה ש„לא יהא יצרו מתגבר עליו" (רמב"ם הל' יסוה"ת רפ"ז). ובודאי שכן הי' אצל בנ"י בעת דרגת נבואה דקרי"ס שראתה כו' מה שלא ראה יחזקאל וכל שאר הנביאים (מכילתא שבהערה הקודמת). וראה לקו"ש חי"א ע' 58 שוה"ג להערה 20.

9) שמות ג, יב.

10) אגדה הובאה בר"ן סוף פסחים. וראה חינוך מצוה שו.

11) משאכ"כ ע"ד הפשט — ראה לקו"ש חי"ד (ע' 6 ובהערה 34) שכוונת רש"י (דברים א, א ד"ה מול סוף) ב„המרו בים סוף" היא לזה שלא רצו לנסוע מים סוף. ולהעיר ממחז"ל (מכילתא פרשתנו יג, יט. סוטה יג, א) שכל ישראל עוסקין בבזה ומשה עוסק במצות.

12) צרור המור (בשם מדרש הנעלם. וראה זהר פרשתנו ס, א). טור הארוך. צידה לדרך (בשם הר"א אשכנזי). ועוד.

**געוואָלט אַוועקגיין פון דער התגלות השכינה דקרי״ס — ווייל**

**די התגלות השכינה פון קרי״ס האָט זיי** מזרז **געוועזן צו מקיים זיין רצון ה׳ צו פאַרנעמען זיך מיט לקיחת ביזת הים].**

**ב. איינער פון די ביאורים בזה — אויך בפשטות (וע״פ הלכה):**

**ביי גאולת מצרים איז געווען אַ** ציווי[13] **„וישאלו איש מאת רעהו גו׳ כלי כסף וכלי זהב״, און דער מכוון בזה איז געווען (ניט נאָר אַז די אידן זאָלן באַקומען אַ „רכוש גדול״[14], נאָר אויך) — „ונצלתם את מצרים״[15], אינגאַנצן אויסליידיקן[16] מצרים פון כסף וזהב כו׳ (בלשון חז״ל[17]: כמצודה שאין בה דגן, כמצולה שאין בה דגים).**

**לפ״ז, בשעת אידן האָבן געזען (ביים ים סוף) אַז ביי די מצרים איז נאָך געבליבן כסף וזהב, וואָס די אידן האָבן נאָך ניט צוגענומען[18], זיינען זיי געווען** מחוייב **צו פאַרנעמען זיך מיט ביזת הים מצד דעם ציווי „ונצלתם את מצרים״[19].**

**אי, זיי** פאַרהאַלטן **זיך צוליב דעם פון זייער גיין צו מ״ת — איז דאָך אָבער אויף דעם — אַז זיי זאָלן** גלייך **גיין** **מקבל זיין די תורה — ניט געווען קיין ציווי.**

**— דאָס וואָס דער אויבערשטער האָט געזאָגט[20] „בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה״ — איז דאָס געזאָגט געוואָרן[21] (ניט בתור** ציווי, **נאָר) אַלס אַ סיפור פון אַן ענין וואָס וועט זיין בעתיד (נאָך יצי״מ) און (ועיקר) כלל ניט דערמאָנט דעם זמן פון תעבדון.**

**קען דאָס ניט דוחה זיין דעם ציווי[22] פון „ונצלתם את מצרים״, וואָס — אם לא עכשיו אימתי.**

**ג. דאָס איז אָבער ניט מספיק. וואָרום וויבאַלד אַז משה האָט געהייסן די אידן זיי זאָלן אַוועקגיין פון ים סוף, איז דאָך פשוט, אַז זיי האָבן פאַרשטאַנען אַז דאָס איז געווען ע״פ ציווי ה׳[23] — וא״כ הדרא קושיא לדוכתא?**

**איז דער ביאור אין דעם: אַנגעמענדיק אַפילו, אַז דער מסע פון אידן צום באַרג סיני, צו מ״ת, איז געווען אַן ענין פון ציווי ה׳, פונדעסטוועגן האָבן אידן געהאַלטן, אַז מ׳דאַרף דאָס** אָפּהאַלטן **ביז נאָכן פאַרענדיקן דעם קיום הציווי „ונצלתם את מצרים״ — ובפרט ש„ביזת**

---

13) **בא יא, ב.**

14) **לך טו, יד. ובפרש״י בא שם (מברכות ט, סע״א ואילך) „שלא יאמר . . ואחרי כן יצאו ברכוש גדול לא קיים בהם״.**

15) **שמות ג, כב.**

16) **ת״א ורש״י שם.**

17) **ברכות שם, ב. וראה הערה הבאה.**

18) **וכבר האריכו במפרשים (ראה מפרשים לברכות שם. שפ״ח לפרש״י פרשתנו כאן. ועוד) — מאיפה הי׳ למצרים כסף וזהב, והרי כתיב (בא יב, לו) „וינצלו את מצרים״, וכפי׳ חז״ל שעשאוה כמצודה כו׳ (כנ״ל).**

19) **ראה גם מה שהקשה בצידה לדרך (בשם הר״א אשכנזי). ולהעיר משי״ך עה״ת בא שם, ד„מצולה שאין בה דגים״ קאי על ביזת** הים.

20) **ועד״ז משנ״ג „ולקחתי גו׳״ (וארא ו, ז) שקאי** על **מ״ת (ראב״ע ובחיי עה״פ. ועוד).**

21) ולמשה **(ראה רש״י שם עה״פ).**

22) **אף שגם „ונצלתם את מצרים״ נאמר דרך** סיפור, **מ״מ, הרי אח״כ הי׳ ציווי מפורש לבנ״י „דבר נא באזני העם וישאלו גו׳״ (כנ״ל בפנים), ומובן שזהו** תוכן **הציווי. והרי כן הי׳** בפועל **כמש״נ (בא יב, לו) וינצלו את מצרים.**

23) **כ״ה להפירוש „הסיען בעל כרחם״, כמפורש במכילתא פרשתנו כאן (משא״כ לדעת רבי יהושע שם ש„זו נסיעה לא נסעו אלא על פי משה״ — אף שגם לדיעה זו פשוט שמשה כיוון בזה לרצון ה׳, אלא שלא הי׳ ע״ז ציווי מפורש). וראה הערה 26.**

הים" איז געווען, כנ"ל, א מצוה עוברת, וואס ווערט ניט נדחה מפני ת"ת[24] (— מתן תורה)[25].

און אע"פ אז דערפון וואס משה האט זיי איצט געהייסן אוועקגיין פון ים סוף (און ניט פארנעמען זיך מיט „ביזת הים") איז א ראי' אז דער רצון ה' אין דעם פאל איז געווען אז דער ציווי „ונצלתם את מצרים" (אע"פ וואס זי איז עוברת) זאל יע נדחה ווערן מפני הקדמת תלמוד (=מתן) תורה — איז דער טאן אזוי בפועל — דער מסע — אן ענין פון „בעל כרחם"[25*], ווייל לויט זייער הבנה (בהתאם צו הבנתם וידיעתם בתורה) דארף זיין דער דין — פארענדיקן פריער ביזת הים, ניט מבטל זיין דעם ציווי פון „ונצלתם את מצרים"[26].

ד. ע"פ הנ"ל — אז דאס וואס אידן האבן זיך פארנומען מיט „ביזת הים" איז געווען כדי צו מקיים זיין דעם ציווי פון „ונצלתם את מצרים" — ווערט פאר־ענטפערט נאך א תמי' אין דעם ענין:

פארוואס האבן אידן זיך בכלל אזוי „געקאכט" אין „ביזת הים" (ועד כדי כך אז מ'האט זיי געדארפט צווינגען צו אוועקגיין פון ים סוף) — וואס פאר א תועלת וועלן זיי האבן פון דעם ריבוי כסף וזהב גייענדיק אין א מדבר, „ארץ אשר לא עבר בה איש ולא ישב אדם שם"[27]?

ובפרט אז (אויף צו קענען איינקויפן עניני הצטרכות פון די תגרי האומות[28] — איז דאך אויף דעם מער ווי גענוג וואס) זיי האבן געהאט כסף וזהב פון ביזת מצרים; וכמחז"ל[29] אז (ארויס־גייענדיק פון מצרים) „אין לך כאו"א מישראל שלא היו עמו תשעים חמורים לובים טעונים מכספה וזהבה של מצרים".

ולאידך, אויב אידן האבן דאן (פאר דער גזרת המרגלים) גערעכנט אז גלייך נאך קרי"ס וועלן זיי אריינקומען אין א"י[30] (און גאולת מצרים וואלט געווען די גאולה נצחית שאין אחרי' גלות[31]) — האט דאך זיכער קיין ארט ניט צו זאגן, אז ביים גרייטן זיך צו א מצב פון גאולה נצחית האבן אידן געזוכט צו אנזאמלען א ריבוי גדול פון כסף וזהב[32]!

וע"פ הנ"ל איז עס פארענטפערט בפשטות: אידן זיינען געווען אויסן צו מקיים זיין ציווי ה' (אז עס זאל זיין „ונצלתם את מצרים"), ובמילא האבן זיי דערביי ניט געמאכט קיין חשבונות וואס פאר א תועלת זיי וועלן האבן דערפון. זיי האבן מקיים געווען דעם ציווי ה'

24) ראה מו"ק ט, ריש ע"ב. ירושלמי ברכות פ"א סה"ב. רמב"ם הל' ת"ת פ"ג ה"ד. טושו"ע יו"ד סרמ"ו סי"ח. הל' ת"ת לאדה"ז פ"ד ס"ג. שו"ע אדה"ז או"ח סתמ"ד סי"ח.

25) ואף שלכו"כ דעות קיימו (חשובי) בנ"י גם קודם מ"ת כל התורה, שזה כולל (מצות) ידיעת התורה שאינה נדחה אפי' מפני מצוה שא"א לעשותה ע"י אחרים (ראה הל' ת"ת לאדה"ז פ"ג ס"א וקו"א שם) — הרי, כבפנים, אין ביזת הים שהיא מצוה עוברת נדחה מפני ת"ת. ולהוסיף, שכאן כבר התחילו במצוה זו, וצריך לימוד מיוחד שמחויב להפסיק.

25*) ראה לקמן הערה 42.

26) ובפרט להדיעה (הנ"ל הערה 23) שגם למשה לא הי' ציווי מפורש — אא"פ לדחות מה שנצטוו (ובפירוש) „וישאלו גו'" (ונצלתם את מצרים).

27) ירמי' ב, ו.

28) ראה יומא עה, ב.

29) בכורות ה, ב. וראה רש"י בא יג, יג.

30) ראה ספרי דברים א, ב. ורש"י בהעלותך י, כט. שם, לג. ועוד.

31) ראה נדרים כב, ב. שמו"ר רפל"ב. ועוד.

32) ובפרט שריבוי כסף וזהב הו"ע המביא לידי חטא (רש"י תשא לב, לא. ר"פ דברים ד"ה ודי זהב. וראה כלי יקר וצידה לדרך כאן, שמטעם זה הסיען משה מים סוף וביזת הים).

בכל לבבך ובכל נפשך, ובמילא איז דער אַוועקגיין פון דאָרט קודם שלימות הקיום געווען „בעל כרחם".

ה. ויומתק יותר כהנ"ל לויטן ביאור (פנימי) אין דעם ענין פון „ונצלתם את מצרים"[33],

דלכאורה איז ניט מובן פאַרוואָס ס'איז געווען אַזוי וויכטיק דער ענין פון „יצאו ברכוש גדול", ביז אַז דער אויבערשטער האָט ניט געלאָזט אידן מוותר זיין אויף דעם[34] —

נאָר דאָס איז בקשר (בהתאם) צום אַנזאָג ומצות לא תעשה בל תשחית[35] והתורה חסה על ממונן של ישראל[36].

דער „רכוש גדול" מיינט (אויך) די ניצוצות קדושה וואָס זיינען געווען אין דעם כסף וזהב של מצרים; און דורך דעם וואָס דער כסף וזהב איז אַריין לרשות ישראל, זיינען די ניצוצות נתעלה געוואָרן — פון ערות הארץ, מצרים לרשות בנ"י, לקדושה[37],

און וויבאַלד אַז די עבודה פון בירור הניצוצות איז אַן ענין עיקרי אין עבודת ה', ביז אַז דורך דער עבודה פירט זיך אויס די כוונת כל הבריאה — דנתאווה הקב"ה להיות לו דירה בתחתונים[38] (דוקא) — דעריבער האָט מען ניט געקענט מוותר זיין אויף דעם „רכוש גדול".

ועד"ז אין „ביזת הים" ביי קרי"ס: וויסנדיק דעם גרויסן ענין וואָס ווערט אויפגעטאָן דורך דעם בירור הניצוצות פון ביזת הים, האָבן אידן געטאָן די עבודה מיט גרויס חיות; נאָכמער: דאָס גופא וואָס ביי קרי"ס איז געווען די התגלות השכינה אין אַן אופן פון „זה א־לי — מראין אותו באצבע", האָט ביי זיי נאָכמער פאַרשטאַרקט דעם אַריינטאָן זיך אין לקיחת ביזת הים ביז אין אַן אופן פון „בכל מאדך"

[ווי מ'זעט, אַז ווען אַ איד איז יודע ומרגיש אַז דער אויבערשטער „קוקט זיך צו"[39] ווי ער איז מקיים אַ מצוה, טוט ער דאָס בכל לבבו נפשו ומאודו, ביז עס בלייבט ניט ביי אים אַ כח וענין וואָס איז ניט אַריינגעטאָן אין דעם קיום המצוה].

ו. און דאָס איז אויך דער פירוש הפנימי אין „הסיען בעל כרחם":

ניט ח"ו אַז אידן נאָך קרי"ס האָבן ניט געוואָלט פאָלגן משה רבינו — זיכער האָבן זיי מקיים געווען דעם ציווי משה (וואָס איז ציווי ה') אַוועקגיין פון ים סוף — בשמחה וטוב לבב;

נאָר דער פירוש (פנימי) אין „בעל כרחם" איז[40], אַז דאָס איז „בעל כרחם" פון זייער שכל והבנה בתורה (בענין ונצלתם את מצרים) זייענדיק אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין דער עבודת הבירורים[41]

---

33) בהבא לקמן ראה לקו"ש ח"ג ע' 823 ואילך, וש"נ. לעיל ע' 15.

34) ברכות ט, ב.

35) שופטים כ, יט. רמב"ם הל' מלכים פ"ו ה"ח ואילך. שו"ע אדה"ז הל' שמירת גו"נ ובל תשחית. — וכבר העירו א) שבשו"ע נשמטו (רוב) דינים אלו. ב) ל' הכתוב — לא תשחית, אבל בש"ס ופוסקים (שבת קכט, א ועוד) ברוב המקומות ככולם בל תשחית.

36) ר"ה כז, א. וש"נ. וראה כתר ש"ט סי' ריח.

37) להעיר מדין טבילת כלים כשיוצא מרשות א"י ליהודי שטעמו „לפי שיצאו מטומאת הנכרי ונכנסו לקדושת ישראל" (ירושלמי ע"ז בסופה). וראה לקו"ש חי"ח ע' 363 ואילך.

38) תנחומא נשא טז. ועוד. תניא רפל"ו.

39) ראה תניא פמ"ב (ס, ב). טושו"ע בתחלתם. שו"ע אדה"ז או"ח סי' א ס"ה (במהד"ת. ובמהד"ק — שם ס"ב).

40) ראה עד"ז סה"מ תרנ"ט (ס"ע ז) בפי' בע"כ אתה חי, מפני שזהו נגד טבעו (מצ"ע).

41) וצע"ק לתווך עם המבואר בד"ה ויסע משה בסה"מ תקס"ו (ואוה"ת תשא ע' א'תתקצה) בפי'

פון „ביזת הים״ בכל לבבם נפשם ומאודם, איז זייער אפרייסן זיך דערפון געווען אין אן אופן פון „בעל כרחם״, און זיי טוען דאס מצד קבלת עול, פאלגן רצון ה׳[42], אבער כמובן — בשמחה וטוב לבב.

ויתרה מזה י״ל — נאכדעם ווי דער אויבערשטער האט געהייסן איצט גיין צו מ״ת, האבן זיי געוואוסט (חאטש ס׳איז ניט מובן בשכל) אז עס האט זיך פארענדיקט דער קיום ו(במילא —) זמן המצוה דונצלתם את מצרים.

[ובמילא וועט זיך ניט אויפטאן קיין עילוי (רוחני) דורך זייער ממשיך זיין אין ביזת הים[43] — ע״ד ווי אכילת מצה[44], וואס ווערט אנגערופן „מיכלא דמהימנותא״[45], ווייל מצה (גשמית כפשוטה —) איז מחזק די אמונה[46] — איז במה דברים אמורים, ווען די אכילת מצה איז אין די ימי הפסח, ווען מ׳עסט אבער די מצה נאך פסח, טוט זיך ניט אויף דער ענין דורך דער אכילה.

ווארום דעם כח וואס (אכילת) מצה האט אין זיך לחזק האמונה האט דער אויבערשטער ארייננגעגעבן אויף א באַשטימטן זמן[47], אבער נאך דעם זמן, ווען אכילתה איז ניט קיין מצוה, ווערט בטל אט דער כח שבה].

ז. דערפון קען מען אויך ארויס־נעמען א הוראה יסודית אין עבודת ה׳:

בשעת א איד איז פארנומען מיט אן ענין פון עבודת ה׳, דארף ער אין דעם זיין אריינגעטאן[48] מיט זיין גאנצן חיות און מיט אלע זיינע כוחות, ביז „בכל מאדך״ — למעלה ממדידה והגבלה, וואס גיט ניט קיין ארט פאר א צווייטער עבודה (אזוי אז דער איבערגיין פון דער עבודה צו א צווייטער איז אן ענין פון „בעל כרחו״).

בשעת אבער מען באקומט א ציווי פון שו״ע, פון אתפשטותא דמשה בכל דרא ודרא[49] — אז איצט דארף מען מפסיק זיין פון דער עבודה און טאן אין א צווייטער עבודה, מאנט זיך דאן פון א אידן א דבר והיפוכו:

פון איין זייט איז ביי אים לכתחילה דער הרגש אז די צווייטע עבודה איז אן ענין פון „בעל כרחו״, כנ״ל, זייענדיק בכל נפשו ומאודו איבערגעגעבן צו דער פריערדיקער עבודה;

לאידך אבער, דארף אט די תנועה גופא (פון „בעל כרחו״) אים ברענגען צו „(על כרחך) אתה חי״[50] — ער זאל אנהויבן לעבן אין דער נייער עבודה, ביז צו א חיות אמיתית שלמעלה ממדידה והגבלה.

---

הסיען בע״כ, שלא רצו לירד לעלמא דאתגלייא כו׳, ע״ש.

42) להעיר מריב״ח שבא במקלו ותרמילו׳ וכו׳ מפני ציווי של ר״ג (ר״ה כה, א).

43) אבל רק כלפי שמיא גליא מתי נגמר בירור כל הניצוצות שבמצרים. וראה פי׳ האריז״ל (ל״ת וס׳ הליקוטים ר״פ תצא) בטעם האיסור לחזור למצרים, כי כבר נתבררו כל הניצוצות שהיו שם. ועפ״פ המבואר בפנים יומתק זה שנצטוו ע״ז בעת קרי״ס (פרשתנו יד, יג).

44) וכיו״ב מצות שהזמ״ג. — אף שלכאורה אינו דומה לנדו״ד כלל, שסו״ס הביזה עוברת מרשות המצרי לבנ״י.

ואולי הביאור — שאלו הם ניצוצי הקדושה המוכרחים לקיומם (עד הזמן שיעביר את רוח הטומאה מן הארץ — זכרי׳ יג, ב).

45) ראה זח״ב מא, א. קפג, ב (בסהמ״צ להצ״צ מצות חמץ ומצה פ״א מציין לזהר ויצא קנז. וצע״ק).

46) ועיין המשך וככה תרל״ז פרק ס.

*) ראה לקמן ע׳ 113 הערה 37.

47) להעיר מד״ה תקעו תרצ״א (בסה״מ קונטרסים ח״א) פ״א.

48) ראה ס׳ השיחות תורת שלום ע׳ 39 ואילך.

49) תקו״ז תס״ט (קיב, א. קיד, א).

50) אבות ספ״ד.

וויבאלד ער איז געווען מסור ונתון צום רצון ה׳ בתכלית אין דער פריער־דיקער עבודה, ווי דאָס קומט לידי ביטוי אין דעם הרגש פון „על כרחך״, כנ״ל — באַקומט ער אַן אמת׳ן חיות אין דער נייער עבודה.

ח. און דאָס איז אויך די הוראה בפועל סיי פאַר יושבי אהל און סיי פאַר בעלי עסק:

יושבי אהל — כאָטש זיי דאַרפן זיין אינגאַנצן אריינגעטאָן אין לימוד התורה, אָבער, ווען שו״ע זאָגט אַז עס קומען די זמנים פון אַ מצוה עוברת, פון פקו״נ וכיו״ב — וואָס זיי דאַרפן זיך אָפרייסן פון לימוד התורה און זיך עוסק זיין אין הצלת נפשות, הפצת התורה והיהדות, וכו׳ דאַרפן זיי דאָס טאָן בשמחה ובחיות.

מ׳קען דאָך מאַכן אַ חשבון: ס׳איז דאָך אַ סך געשמאַקער צו בלייבן אין „פנים״ (אינעווייניק) און אָפּגעבן זיך אינגאַנצן מיט לימוד התורה — פאַרוואָס זאָל מען אַרויסגיין אין „חוצה״? הן אמת, אַז כל האומר אין לי אלא תורה אפילו תורה אין לו[51], נאָר עס דאַרף זיין תורה וגמ״ח[52] — איז ער זיך עוסק אויך אין גמ״ח — אָבער דאָס איז נאָר וואָס מ׳איז אים מכריח אַזוי צו טאָן (וואָרום אַנדערש, איז „אפילו תורה אין לו״).

דאַרף מען וויסן, אַז פון דעם „על כרחך״ (ביים אָפרייסן זיך פון לימוד התורה) דאַרף ווערן „אתה חי״ — טאָן אין הצלת נפשות הפצת התורה והיהדות וכו׳ בשמחה ובחיות, ביז — אין אַן אופן אַז אין די זמנים איז דאָס זיין גאַנצע מציאות.

עד״ז איז די הוראה צו בעלי עסק — וואָס עיקר עבודתם איז אין עובדין טבין: זיי דאַרפן וויסן, אַז דאָס וואָס זיי זיינען מחוייב צו קובע זיין עתים לתורה דאַרף זיין ניט נאָר אַ קביעות אין זמן (לויט דעם שיעור ווי אָפּגעפּסק׳נט אין הל׳ תלמוד תורה[53]), נאָר אויך אין אַן אופן פון קביעות בנפש, אַז אין די זמנים זיינען זיי אינגאַנצן אריינגעטאָן אין לימוד התורה, פונקט ווי דאָס איז ביי דעם וואָס „תורתו אומנתו״[54].

ט. נאָך אַ הוראה פונעם ענין פון „הסיען בעל כרחם״:

אויב דאָס איז אַזוי ביי די בירורים פון כסף וזהב גשמי — אַז די אידן זיינען געווען אַזוי פאַרנומען מיט „ביזת הים״ צו מברר זיין אַלע ניצוצות קדושה שבהם אַז עס זאָל ניט איבערבלייבן קיין איין ניצוץ וואָס איז ניט מבורר — עאכו״כ אַז אַזוי דאַרף זיין אין דער עבודת הבירורים פון מקרב זיין אידן (וואָס זיינען דערווייטערט געוואָרן פון אידישקייט) צו קיום התומ״צ.

אַ איד קען טענה׳ן: ער האָט שוין מקרב געווען אַזוי פיל אידן צו אידישקייט — מעג ער זיך שוין איצט אָפרוען פון דער אַרבעט און (ניט זיין אַ הולך בטל ח״ו, נאָר) פאַרנעמען זיך מיט אַ צווייטער (אַ מער געשמאַקער — לטבעו ולשכלו) עבודה בעבודת הבורא —

דאַרף מען וויסן, אַז ער דאַרף ניט חשבונ׳ען וויפל אידן ער האָט שוין מקרב געווען צו תומ״צ, וויבאַלד עס איז נאָך געבליבן איין איד וואָס ער קען עם

---

51) יבמות קט, ב.

52) לקו״ת ויקרא ה, א. וראה לקו״ת ראה כג, ג. ולהעיר מיבמות קה, א. אגה״ק ס״ה.

53) ראה הל׳ ת״ת לאדה״ז פרק ג.

54) ראה בארוכה לקו״ש חי״ב ע׳ 229. לקו״ש חי״ז ע׳ 307.

דערגרייכן און ער האָט נאָך עם ניט מקרב געווען —

ביז ער באַקומט אַ ציווי פון שו"ע, פון אתפשטותא דמשה בכל דרא ודרא ביז צו דעם רבי'ן נשיא דורנו — אַז היום אָדער מהיום דאַרף ער טאָן אַן אַנדער עבודה, טאָר ער ניט אַוועקגיין פון דער עבודה צו מקרב זיין נאָך אַ איד צו אידישקייט.

ובמיוחד בנוגע צו אידן, איז דאָך יעדער איד אַן "עולם מלא"[55]. איז אפילו אַז ער האָט שוין מקרב געווען אַ סך אידן; עס איז דאָך אָבער געבליבן (נאָך איין איד וואָס איז נאָך ניט נתקרב געוואָרן — איז דאָך געבליבן) אַ גאַנצע וועלט אַ פולע וועלט וואָס איז ניט מבורר.

דאָס איז אפילו ווען עס וואָלט זיך געערעדט וועגן איין איד. עאַכו"כ אַז עס זיינען נאָך דאָ כמה וכמה וואָס מ'דאַרף צוציען צו אידישקייט — דאַרף ער אוודאי ליגן אין דעם אינגאַנצן, מיט זיין גאַנצן חיות, אין אַן אופן אַז ווען מ'וויל אים אַוועקנעמען פון דער עבודה, איז דאָס בעל כרחו.

ועאַכו"כ ווען מ'נעמט אין באַטראַכט, אַז דורך דעם וואָס מען איז "מברר" אַ אידן און מ'איז אים מקרב צו תומ"צ, וועט אויך דער איד ווערן סו"ס אַ "מברר" וואָס וועט צוציען אַנדערע אידן צו אידישקייט, וואָרום מצוה גוררת מצוה ביז (ובפרט) מצות ואהבת לרעך כמוך, אַזוי אַז פון זיין פעולה קומען אַרויס פירות ופירי פירות עד סוף כל העולם.

(משיחת ש"פ שמיני תשל"ד)

55) סנהדרין לז, א.

# בשלח ב

א. פון דעם פסוק[1] „ויאמר משה אכלוהו היום כי שבת היום לה׳ היום לא תמצאוהו בשדה״, וואו עס שטייט דריי מאָל דער וואָרט „היום״ בנוגע אכילת המן בשבת, לערנען אָפּ חז״ל[2] דעם חיוב פון אכילת שלש סעודות בשבת.

און כאָטש אַז סעודה איז עיקרה אכילת פת[3], געפינט מען אָבער אַז בנוגע דער סעודה שלישית ווערט געבראַכט אין שו״ע[4] אַ מחלוקת הפוס־קים: עס זיינען דאָ דיעות אַז אויך בסעודה שלישית דאַרף זיין אכילת פת; און „יש מקילין . . שיכול לקיים סעודה ג׳ בכל מאכל העשוי מחמשת המינים שמברכים עליו במ״מ שהוא נקרא מזון, ויש מקילין עוד שיכול לקיימה גם כן בדברים שדרך ללפת בהן את הפת כגון בשר ודגים וכיוצא בהם . . ויש מקילין עוד שאפילו בפירות יכול לקיימה״[5].

און דער אַלטער רבי בשולחנו[6] איז מסיים: „ואין לסמוך כלל על כל זה אא״כ א״א כלל בענין אחר כגון שהוא שבע ביותר וא״א לו לאכול פת בלא שיצער את עצמו״.

אף על פי כן איז ידוע דער מנהג פון רבותינו נשיאינו[7], אַז זיי פלעגן ברובא דרובא ביותר ניט עסן פת בסעודה שלישית: זיי פלעגן יוצא זיין די סעודה מיט אַ טעימה כלשהי.

דער טעם הדבר איז[8]: היות די דריטע סעודה ווערט אָפּגעלערנט פון דעם דריטן מאָל „היום״ וואָס שטייט אין פסוק, וואו תורה זאָגט „(היום) לא (תמ־צאוהו)״ — די שלילה פון געפינען דעם מן — איז דעריבער מתאים אַז אין דער סעודה שלישית זאָל דאָס זיין ניכר דורך ניט עסן קיין פת, בדוגמא צו „לא תמצאוהו״ פון מן (לחם).

די הסברה (הפנימית) דערפון ווי מבואר אין חסידות[9]: די דריטע סעודה פון שבת איז כנגד דעם שבת דלעתיד לבוא (ווי עס שטייט (אויך) אין ב״ח[10]), ביי וועלכן עס שטייט[11] „עולם הבא אין בו לא אכילה ולא שתי׳ כו׳״, און די המשכה איז דעמולט פון בחי׳ „אין״ (ווי עס שטייט אין בחיי[12]) — דעריבער איז אויך די סעודה ניט קיין סעודה רגילה,

---

1) פרשתנו טז, כה.

2) שבת קיז, סע״ב. ולדעת אדה״ז (שו״ע או״ח ר״ס רעד) לימוד זה הוא רק „רמז״.

3) ראה שו״ע אדה״ז שם ס״ה. סי׳ קפח ס״י.

4) או״ח סרצ״א ס״ה (בשו״ע אדה״ז — ס״ז).

5) לשון אדה״ז שם.

6) שם. מהמחבר שם.

7) וראה היום יום כב אדר א.

בספר השיחות תש״ב ע׳ 29 (וראה סה״ש תרצ״ז ע׳ 217), שמנהג כ״ק אדמו״ר מהורש״ב נ״ע בשבתות החורף הי׳ לקדש אחרי תפלת שחרית, להתפלל מנחה, ולפני שקיעת החמה ליטול ידיו לסעודה. ויש לומר, שיצא י״ח סעודה שלישית באכילת מזונות שאחרי הקידוש שהרי הי׳ קידוש במקום סעודה (וראה שקו״ט בכגון זה — פס״ד להצ״צ (חידושים לרי״ו) שנז, סע״ג ואילך. ובארוכה — שו״ת דברי נחמי׳ סי׳ טז ואילך. ואכ״מ).

8) לבוש סרצ״א ס״ה. וראה גם פס״ד להצ״צ שם שנז, סע״ב.

9) ראה היום יום שם. מאה שערים מד, א. אוה״ת פרשתנו ע׳ תרכא וע׳ תרלא. המשך תער״ב ח״ב ע׳ א׳קכז ואילך. וראה גם המשך תרס״ו ע׳ תקמב. ולהעיר גם ממגיד מישרים פ׳ צו ד״ה אור ליום שלישי.

10) או״ח שם. ומה שכתב שהוא כנגד הסעודה דלע״ל (דלויתן ובת זוגו) — ראה לקמן סעיף ז והערה 34.

11) ברכות יז, א.

12) עה״פ פרשתנו כאן. הובא גם בפס״ד להצ״צ שם.